## דאָס איז דער אָמט פֿונעם אוניווערסיטעט־קאַנצלער

דער אָמט פֿונעם אוניווערסיטעט־קאַנצלער איז אַ מלוכישע אינסטאַנץ. די רעגירונג פֿירט אָן מיט דער אָרגאַניזאַציע. מיר פֿאָרשן אויס די קוואַליטעט פֿון העכערער אויסבילדונג און די סיסטעמען פֿון די לערן־אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן פֿאַרזיכערן אַ גוטע קוואַליטעט, פֿאָרשונג און קאָאָפּעראַציע. מיר שאַצן אָפּ און אַנאַליזירן די אַנטוויקלונג און די שטראָמען פֿון דער שוועדישער העכערער בילדונג.

מיר טראָגן דאָס אַחריות פֿאַר דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק פֿון דער העכערער בילדונג. מיר קאָנטראָלירן אויך אַז די אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן פֿאָלגן געזעצן און כּללים.

מיר אַרבעטן מיט דרײַ פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבעס:

1. סטודענטן־רעכט און השגחה

מיר האָבן די השגחה איבער אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן און קאָנטראָלירן אַז זיי פֿאָלגן געזעצן און פֿאַראָרדענונגען. מיר טוען דאָס כּדי צו האַלטן אַן אויג אויף די רעכטלעכע נאָרמעס פֿון די סטודענטן. מיר קאָנטראָלירן די אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן נאָך דעם וואָס עמעצער האָט געהאַט טענות וועגן זיי, אָבער אויך אויף דער אייגענער איניציאַטיוו.

2. סטאַטיסטיק און אָפּשאַצונג

מיר טראָגן דאָס אַחריות פֿאַר דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק פֿון דער העכערער בילדונג. מיר טראָגן דאָס אַחריות פֿאַרן האָבן השגחה איבער דער עפֿעקטיווקייט פֿון די לערן־אינסטיטוציעס ווען ס׳קומט צו ווי אַזוי זיי ניצן אויס זייערע רעסורסן. מיר האַלטן אַן אויג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער העכערער בילדונג און שאַצן אָפּ און אַנאַליזירן די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט פֿון די אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן.

3. דאָס אָפּשאַצן קוואַליטעט, פֿאָרשונג און קאָאָפּעראַציע פֿון די אויסבילדונגען

   מיר פֿירן דורך פֿיר פֿאַרשיידענע מינים אָפּשאַצונגען:

   1. דאָס אָפּשאַצן לערן־אינסטיטוציעס
   2. דאָס אָפּשאַצן אויסבילדונגען
   3. טעמאַטישע אָפּשאַצונגען
   4. דאָס קאָנטראָלירן צושטאַנדן צו דיפּלאָמירן

## אָרגאַניזאַציע

120 מענטשן אַרבעטן בײַ אונדזערע 4 פֿאַרשיידענע אָפּטיילן. אונדזער גענעראַל־דירעקטאָר הייסט מאַרטין נאָרסעל.

## שטעלט זיך אין פֿאַרבינדונג מיט אונדז

קלינגט אָן אונדזערע טעלעפֿאָניסטן: 08-56308500

שיקט אונדז צו אַ בליצבריוו: registrator@uka.se

באַזוכט אונדז אויפֿן אַדרעס: Hammarbybacken 31, Johanneshov i Stockholm